# בית יעקב

ליטעראַרישער פאַמיליען-זשורנאַל

ארגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און ארגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידמאַן

יאַרגאַנג 8 — נומער 62

— דערשיינט יעדן צווייטן פרייטיק —

ב״ה, לאָדזש פרייטיק פ׳ וארא כ״ז טבת תרצ״א (ליכט צינדן 20 מינוט נאָך 3) Łódź d. 16 Stycznia 1931

הארכיון היהודי

# הרב ד״ר מאיר לעמאַן ז״ל

## צו זיין הונדערטסטן געבוירן-טאָג — כ״ה טבת תקצ״א — תרצ״א

**דעם** היינטיקן מיטוואָך כ״ה טבת איז געוואָרן הונדערט יאָר זייטן געבוירן ווערן פון גרויסן קעמפער פאַרן טראַדיציאָנעלן יידנטום אין דייטשלאַנד הרה״ג ד״ר מאיר לעמאַן ז״ל. זיין גאַנץ לעבן איז געווען איין המשך פון מסירת-נפשדיקן קאַמף קעגן דער רעפאָרם און פריי-גייסט וואָס האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט די יידישע מאַסן אין דייטשלאַנד. און עס איז אים טאַקע געלונגען, אין א געוויסער מאָס צוריקצושטעלן דאָס יידישע לעבן אין דייטשלאַנד אויף רעליגיעז-טראַדיציאָנעלע יסודות.

ארכיון אסופות

**ד״ר** לעמאַן איז געבוירן געוואָרן כ״ה טבת אין יאָר תקצ״א אין ווערדן. שוין אַלס קינד האָט זיך דער יינגער מאיר אויסגעצייכנט אַלס דער פרומסטער צווישן זיינע ברודער, ער פאַרטיפט זיך אין די כתבי הקודש, אין תנ״ך. דערגרונטעווענדיק דעם גייסטיקן קוואַל פון ספר הספרים. און שוין דעמאָלט האָט ער אָנערקענט דעם רעליגיעזן וועג, אַלס דער איינציק - ריכטיקער וועג, - אויף וועלכן יעדער ייד דאַרף פירן זיין לעבן.

זיין פאָטער גיט אים אַריין אין דער גימנאַזיע אין ווערדן, ווי ער איז באַלד געוואָרן דער אויסגעצייכנטסטער צווישן די תלמידים. און נאָך אייז׳ער ער האָט געענדיקט אַלע אַכט קלאַסן, באַקומט ער אַן אורלויב אויף צוויי יאָר, מיטן רעכט שפּעטער צוצוטרעטן צו דעם מאַטורע-עקזאַמען.

די צווייטע יאָר האָט ער פאַרבראַכט ביים באַוואוסטן תלמוד חכם הרב ד״ר עזריאל הילדעסהיימער ז״ל, וועלכער האָט אין אים אַריינגעגאָסן דעם גאַנצן רייכן קוואַל פון תלמוד. ווערנדיק איינער פון זיינע בעסטע תלמידים, אַזוי, אַז ער האָט זיך אויף אים אויסגעדרוקט: „אַן-אויסדערוויילטער, הויך דערהויבן, וועלכער ציט אַרויס מיט זיין קלאָרן פאַרשטאַנד די שענסטע פערל פון דעם ים התלמוד”. נאָך די צוויי יאָר איז ער צוריקגעקומען קיין ווערדן, און אַן גרויסע פאַרבערייטונג געלענצנד אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

אין יאָר תרי״ב איז לעמאַן אַריינגעטרעטן אין בערלינער אוניווערזיטעט, וואו ער שטודירט פילאָזאָפיע און געשיכטע. אין האַרבסט פון זעלבן יאָר באַקומט ער דעם דאָקטאָר דיפּלאָם. אין בערלין האָט זיך לעמאַן ווייטער געפלייסט ביי די למודי קודש ביי הרב ר׳ מיכל לאַנדבערג, פון וועמען ער האָט אין יאָר תרי״ד באַקומען היתר-הוראה.



הרב ד״ר מאיר לעמאן ז״ל

אין בערלין האָט אינצווישן ד״ר לעמאַן געגרינדעט מיט נאָך עטליכע רעליגיעזע סטודענטן אַ פאַראיין צו לערנען תורה מיטן נאָמען „חברה ש״ס”. אַרום דעם פאַראיין האָבן זיך באַלד קאָנצענטרירט מאַסן יונגעלייט. דער דאָזיקער רעליגיעזער סטודענטן-פאַרבאַנד עקזיסטירט נאָך עד היום.

צו יענער צייט איז שוין ד״ר לעמאַן אויך געווען זייער באַרימט אַלס באַגאַבטער דיכטער, זיינע דראַמען, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט, האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די דעמאָלטיקע ברייטע

# די סדרה וארא

פון שרה שענירער

ביי קיין שום פרשה אין דער תורה, ווערן מיר נישט אזוי פאר-צערט ווי ביי דער היינטיקער סדרה. דאָ ווערט בולט גי-שילדערט די פּיַין, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן גיליטן. מיר זעען פאר זיך ווי מ-שלעפּט די בני ישראל צו שרעקלעכער שווערער אַרביט. אַלטע שוואַכע לייט באַקומען שמיץ און דער יאָך איז אומדערטרעגלעך. אין אונדזערע אויערן גרילצט זייער ווײ-גישריי, זייערע דאַרצרייסנדע קולות שפּאַלטן די הימלען און זייערע מיט טרערן-אָנגיפולטע תפלות רירן דעם באַשעפער און ער זאָגט צו משה-ן: „אַצינד וועסטו שוין זעען, וואָס איך וועל טון צו פרעה-ן מיט אַ שטאַרקער האַנט, וועל איך זיי אַרויספירן פון דעם קנעכט-שאַפט-לאַנד".

און אויף פיר אופנים זאָגט ג-ט צו זייער נאָנטער גאולה „והוצאתי", „והצלתי", „וגאלתי" „ולקחתי" — די באַפרייאונג וועט גיין דורך פיר וועגן: „אַרויסציען", „באַשירמען", „אויסלייזן", „נעמען אייך צו מיר". דאָס לעצטע איז דער הויפּט-ציל „לי לעם" מיין פאָלק וועט איר ווערן, ג-טס פאָלק.

אין די לעצטע רייד, באַשטימט שוין ג-ט דעם ריכטיקן באַרוף פון ישראל! יידן זענען נישט עפּיס אַ רעליגיעזע סעקטע. דאָס וואָרט רעליגיע איז בכלל נישט גימיינט דאָס וואָס מיר רופן „תורה". אין דעם וואָרט תורה איז גימיינט, אַז אין אַלע מעשים פון מענטש מוז זיין דאָס ג-טלעכע התגלוה, אנשטאט, וואָס „רעליגיע" איז בלויז אַ פאָרשטעלונג פון מענטש וועגן ג-ט און באַציט זיך נאָר אויף ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות פון מענטש צו ג-ט.

*

דאָס פאָלק ישראל האָט אָבער נאָכנישט פאַרשטאַנען, דעם אמתן תכלית פון זיין דאָ-זיין „ולא שמעו אל משה מקוצר רוח"-זיי האָבן זיך נישט צוגיהערט צו משה, צוליבן קורצן אָטים און שווערער אַרביט!

די צרות האָבן זיי נישט דערלאָזט, צו הערן די גאולה-בשורה. דאָס אַרביט-גייעג אויף זיי, האָט אָפּגינומען פון זייער האַרץ דאָס גיפיל פאַר דער באַפרייאונג און נישט גיגעבן די מעגלעכקייט אויפצונעמען וועלכע ס-איז גייסטיקע אידעע.

משה רבינו האָט אָבער נישט גימיינט בלויז די בני ישראל פון יענים דור, זיינע רייד זענען פאַר דער אייביקייט גיזאָגט גיוואָרן, פאַר שפּעטערע דורות. ווי עס ווערט גיזאָגט אין ספר דברים: „נישט נאָר מיט די, וואָס שטיין דאָ שליס איך מיין בונד, נאָר אויך מיט אַלע שפּעטערדיקע דורות פון ישראל".

און דאָס זאָלן מיר זיך פאָרשטעלן. אויך צו אונדז רעט דער יידישער מנהיג משה רבינו. זאָלן מיר אָבער נישט מאַכן דעמזעלבן פעלער ווי אַמאָל, נישט צוצוהערן זיך צו די ג-טלעכע רייד. אויך דאָס היינטיקע גלות איז נישט קיין סך לייכטער ווי דאָס אַמאָליקע מצרישע גלות, נאָך ווייטער זענען מיר עבדים, קנעכט צו פרעמדע פעלקער אין פרעמדע לענדער.

אָבער דאָך, דאַרפן מיר וויסן, אַז דאָס ערגסטע גלות, די גיפער-לעכסטע קנעכטשאַפט, איז דאָס עבדות צו דעם אייגינים „איך" צו די קערפּערלעכע ליידנשאַפטן און די איינגיבילדיטע תאוות די דאָזיקע שקלאַפעריי איז אַ פיל נידריקערע, ווי די, פוגים גאַנצן יידישן גלות.

זאָלן מיר כאַפּן אַ בליק ווי עס האַלט עפּיס מיט אונדזער יידיש-קייט. וויפיל יידישע קינדער ווייסן נישט פון קיין שבת און קיין יום טוב, פון קיין כשרות און פון יעדן יידישן מנהג. ווי גיפאַלן זענען מיר נישט צו קענען זיך אַ קייגנשטעלן די קליינ-לעכע נישטיקע גלוסטינגען, ווי מאָדע, לוקסוס אא"וו, וואָס דאָס אַלץ איז אי עקאָנאָמיש, אי גייסטיק אַ קאַטאַסטראָפע פאַר גאַנץ ישראל.

ליינט נאָר דאָס ביכל „דער פאַרשוואונדענער גן-עדן" און נעמט אויף דאָס וואָס דאָרט ווערט גיזאָגט: די אַלע האַרציקע און ישמת-דיקע ווערטער דאַרפן איבערגיין פון מויל צו מויל און זאָל מען אין יעדן יידישן הויז קענען די גרויסע סכנה פון דער לוקסוס-מגפה.

*

אין דער היינטיקער סדרה גיפונט זיך אויך אַ כאַראַקטעריסטישער פעדאַגאָגישער באַלערונג.

פון די צען מכות, האָט די ערשטע דריי אויסגיפירט אהר-ן און משה. אהרן האָט אַ קלאַפּ גיטון מיטן שטעקן און פונים וואַסער איז גיוואָרן בלוט, אהרן האָט אויפגיהויבן זיינע הענט אין מצרים איז פאַרפלייצט גיוואָרן מיט זשאַבעס, אהרן האָט גישלאָגן די ערד און ס-זענען אַרויס די כנים איבערן גאַנצן לאַנד.

פאַרוואָס האָט דאָס נישט אויסגיפירט משה?

דער מדרש זאָגט דערויף: ג-ט זאָגט צו משה: די וואַסערן פון נילוס האָבן דיך גישיצט ווען מ-האָט דיך גיוואָרפן און זיי, האָסטו נישט קיין רעכט די דאָזיקע וואַסערן קיין שלעכטס צו טון, דער שטויב פון דער ערד האָט דיר גיהאָלפן, פאַרשיטנדיק דעם מצרי, וואָס דאָדורך ביסטו גישיצט גיוואָרן, טאָרסטו זי נישט שלאָגן. דערמיט איז באַוויזן צו זיין דאַנקבאַר פאַר יעדער טובה, וואָס אַ מענטש באַקומט פון עמיצן.

און נאָך אַ טעם קען מען זאָגן דערויף. משה איז גיוועזן דער פירער פון אַ פאָלק. אַ יידישער מנהיג האָט נישט קיין רעכט צו שלאָגן און אויפהייבן די הענט אויף וועמען און אַזוי ווי אַלע דריי ערשטע מכות, זענען גיקומען צוליבן שלאָגן און אויפהייבן די הענט האָט נישט גידאַרפט טון משה, דער פירער. און ווען משה האָט דאָס פאַרגעסן, ביים שלאָגן דעם שטיין, אַרויסצוציען וואַסער, איז ער דערפאַר באַשטראָפט גיוואָרן נישט צו קענען קומען אין הייליקן לאַנד.

*

ליבע לערערנס און בנות-פירערינס. אָט זעט איר ווי פון יעדן אָרט, פון יעדן ספור אין דער הייליקער תורה האָבן מיר פיל צו לערנען. אייך, וועמען ס-זענען אָנפאַרטרויט יידישע קינדער, די גאַנצע צוקונפט פון אונדזער פאָלק, זייט-זשע ענערגיש און מוטיק אין דער אַרביט, צוצופירן צום אידעאַל, אַז אַלע יידישע קינדער זאָלן מיט באַגייסטערונג אויפנעמען די ווערטער:

וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם!


ווײכטיק פאַר לערערנס און בנות-ביבליאָטעקן!

שוין אַרויס פון דרוק אין דייטשער שפּראַך

אהלי יעקב

גיזאַמלטע שריפטן פון רבי יעקב ראָזנהיים,

וואו עס ווערן באַהאַנדלט אַלע יידישע פּראָבלעמען.

ערשטע טייל 382 זייטן פרייז 10.60 זל. מיט פּאָרטאָ

צווייטע טייל 512 זייטן פרייז 12.60 זל. מיט פּאָרטאָ

צו באַקומען ביי

שרה שענירער קראָקא דיטלאָווסקא 9

נאָר קייגן פריערויס געלט!


ארכיון אסופות

# רבי מעשל לאַציער דער שומר פון כותל מערבי

## פון בנימין מינץ תל-אביב

II

אין זיין ספר פירט ער אויס על-פי דין תורה, אַז די רעכט פון יידישען פאָלק אויף דער ערד וואָס אַרום דעם כותל מערבי, האָבן קיינמאָל נישט פאַרלוירן זייער ווערט. דעריבער האָט דער פלאַץ לכל הפחות די קדושה און דעם דין פון אַ שול. אַרן אויפ-ן פסוק „הנה זה עומד אחר כתלנו" זאָגען אונדזערע חכמים, הינטער דעם כותל מערבי פון בית המקדש, וואָס דער אייבערשטער האָט אים צוגישוואוירן, אַז ער וועט קיינמאָל נישט חרוב ווערען. און כאָטש מ-דאַוונט נישט דאָרט בקביעות „ווייל די איינוואוינער פון דער הייליקער שטאָט זענין שטאַרק פאַריאָגט נעבעך אין זייער פרנסה", פונדעסטוועגן דאַוונט מען דאָרט בקביעות יעדען ערב שבת און ראש חודש און יו"ט מוסף און אויך יעדן טאָג קומן אַהין דאָרט גיהויבינע מענטשן, און דער גאַנצער המון טוט דאָרט תפלה אויף יעדער' צרה. דעריבער איז אַ מצווה מכבד צו זיין דאָס אָרט. און ווייל די מצוה פון היטן דעם בית המקדש איז נוהג בזמן הזה, דאַרף מען דאָרט איינפירן וואַכן (משמורות) פון כהנים, לויים און ישראלים, וואָס זאָלן זיך טוישן און שטענדיק זיין אויפן פלאַץ סיי ביי טאָג סיי ביי נאַכט.

די דאָזיקע וואַכן דאַרף מען צאָלן שכירות, כדי זיי זאָלן זיך קענין אָפּגעבן דער הייליקער זאַך באמונה. מען דאַרף אויך אָפּקויפן אַלע פלעצער אַרום כותל און אויפשטעלן דאָרט אַ בית-המדרש. און ווייל ער האַלט, אַז דער כותל איז הייליק, פסק-נט ער, אַז „טמאים" טאָרן אים נישט אָנרירן, און מכל שכן זיך באַנוצן מיט איב, ווי מען פירט זיך ביז היינט אַריינצולייגן אין זיינע שפאַלטן, סידורים אָדער ליכט. ער לייגט פאָר, מען זאָל אָוועקשטעלן פאַרן כותל עטלעכע אייזערנע זיילן און צווישן זיי אויסשפרייטן אַ פרוכת. „און זיכער, לויט ווי מען הערט, אויב מ-וועט זיך משתדל זיין ביי דער רעגירונג וועלן מיר קענין מאַכן אַ מחיצה פון אייזן אָפּצושיידן בין קודש לחול און אַ צודעק פון אויבן, וואָרים ס-איז אַן-עת רצון".

צום סוף איז ער מודיע אַז ער האָט שוין גיפועלט און מיט דער דערלויביניש פון דער רעגירונג האָט מען מתקן גיוועזן אָנצוצינדן יעדן ערב-שבת ליכט פאַרן כותל מערבי; דעריבער ווענט ער זיך צום גאַנצען פאָלק, אַז יעדער זאָל שיקן צו זיין באַקאַנטן ער זאָל פאַר אים אָנצינדן אַ ליכט.

ווייטער מעלדעט ער, אַז ער ווייס נאָכנישט באַשטימט. אויב מ-קען קויפן די אַלע הויפן אַרום כותל, אָבער ס-איז אַ קרוב לוודאי, אַז מ-קען די זאַך דורכפירן, ער ווענדעט זיך דעריבער אַז יעדער וואָס וויל שפענדן אויף דעם הייליקן צוועק זאָל זיך מיט אים פאַרשטענדיקן.

ר' מעשל האָט גימיינט, אַז די פאָלקס-פירער, וועלן זיך תיכף אָפּרופן אויף זיין אויפרוף און מסכים זיין צו דעם אויספיר פון דער זאַך וואָס פון איר איז, לויט אים, אָפּהעניג די גאולה.

אָבער ער האָט זיך טועה גיוועזן.

ס-האָט זיך נישט גיפונין איינער, וואָס זאָל אים ענפערן לכל-הפחות צוליב זיין כבוד. מען דאַרף אפשר זוכן די סבה אין דעם, וואָס די רבנים האָבן מורא גיהאַט כ-זאָל נישט אַרויסוואַקסן פון דעם עפּיס אַ נייע כתה, האָבען זיי באַשלאָסן מבטל צו זיין די גאַנצע זאַך.

אָבער ר' מעשל האָט זיך שטאַרק מצער גיוועזן, נישט צוליב זיין בושה נאָר צוליב דעם כבוד התורה און ירושלים און „יידישן פאָלק", וואָס איז שטאַרק גיפאַלן, און פונדעסטוועגן איז ער ביי זיך נישט גיפאַלן און האָט אַליין אָנגיהויבן זוכן וועגן, ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן זיין גידאַנק.

איינציקווייז איז ר' מעשל'ס נאָמין גיוואָרן באַרימט אין ירושלים. וואָס אַ טאָג האָט ער באַקומין מער חסידים. זיין גרויס וויסן אין נגלה און נסתר, האָבן גיבראַכט צו אים די גרעסטע לומדים און רבנים פון ירושלים. ס-האָט זיך אויך פאַרשפרייט אַ שמועה, אַז ער איז אַ בעל מופת און אַ פועל ישועות און עס זענין צו אים גיקומין זוכין אַ היילונג קראַנקע פון גאַנץ ארץ-ישראל.

ביי אים האָט זיך פאַראייניקט אין איין האַרמאָניש גאַנצעס דאָס הב"ד'ער מיט'ן קאָצקער חסידות און קבלה מעשיות, חלומות און פאַנטאַזיעס מיט טרוקינע ליטווישע לומדות. שחרית פלעגט ער דאַווינין, אַזוי ווי אין קאָצק, פאַרנאַכט, און אויף די שלוש-סעודות וואָס ער פלעגט פראַוון ברוב עם, פלעגט ער אָנהויבן די תורה מיט די ווערטער „ס-האָט מיר איבערגיגעבן אליהו הנביא ז"ל אין נאָמין פון דער שכינה"...

חוץ דעם פלעגט ער באַזוכן מיט זיינע חסידים דעם אוהל פון דער מוטער רחל, און די אוהלים פון די נביאים שמואל, חגי, זכריה און מלאכי. דער עיקר, פלעגט ער זיך אָבער אָפּגעבן מיטן אוהל פון שמעון הצדיק. דאָרט האָט ער אָנגיצינדן אַ נר תמיד זיך מיחד זיין און זען מורא-דיקע זאַכן בהקיץ.

אָבער דעם גידאַנק וועגן כותל האָט ער נישט אויפגיגעבן. קודם-כל האָט ער דאָרט איינגיפירט אַ שטענדיק מנין דריי מאָל אַ טאָג. ערב שבת און יום טוב פלעגט ער אָנצינדן אַ סך ליכט און לאָמפן. איינציקווייז, האָט ער פאַרבונדן ס-פאָלק מיטן כותל. ס-האָבן זיך אויך גיפונין עטלעכע רבנים, וואָס האָבן מיט אים גיהאַלטן. און אַ סך האָט ער גיאַרבעט וועגן דעם קויף פון דער ערד אַרום כותל.

מער פון דרייסיק יאָר האָט ר' מעשל גיקעמפט פאַר אונדזערע רעכט ביים כותל מערבי, און פאַר זיין פטירה האָט ער גיהייסן זיין זון פאָרטזעצן זיין אַרבעט. ער האָט עס טאַקע מקיים גיוועזן כמעט ביז-ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה.

(סוף—זע נומער 63)

---

דורך זיין תקון-אַרבייט, פון וואָס ארץ ישראל איז אַ הויפּט-פונקט, דערנענטערט ער באמת די ריכטיקע גאולה פונים יידישן פאָלק. זיין אויפגאַבע איז צוצוגרייטן דאָס יידישע פאָלק, צוצוגרייטן דאָס יידישע לאַנד, כדי זיי זאָלן זיך קאָנין ווידער פאַראייניקן אונטער ג-טס תורה צו ג-טס מלוכה. דאָס איז די אמת'דיקע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע פונים יידישן פאָלק, וואָס איז בכח צוגעבן אַ פאָלק מוט, ענערגיע און אויסדויער.

אַצינד איז קיין ספק נישט מער, ווי די ארץ ישראל-אַרבייט מוז אויסזעען. ס-וועט קיין מענטש נישט מער איינפאַלן, אַז ארץ ישראל קאָן אַנדערש אויפגיבויט ווערן ווי אויף די יסודות פון אונדזער רעליגיעז-נאַציאָנאַלער קאָנסטיטוציע. מיר טאָרן אָבער נישט אָפּלאָזן פון דער אַרבייט, ווייל אַנדערע פאַרפעלן די הייליקייט פון ארץ ישראל, מיר מוזן טון אונדזער הייליקע פליכט און אויסניצן אַלע מעגלעכקייטן, וואָס די צייט גיט אונדז, כדי צו פאַרשטאַרקן און באַפעסטיקן דעם ישוב אין ארץ ישראל, אים בסדר צו פאַרג-עסערן און פאַרברייטערן און אַהערצושטעלן אַ פרוכטבאַרע פאַרבינדונג פונים יידישן פאָלק צו זיין הייליק לאַנד.

---

ארכיון תקופות
הארכיון היהודי

שמואל באָדלער

# די מגילה פונים שפּיל*)

צווישן די יידן בײַם סאַמע עק פון דער ערשטער שורה איז גישטאַנען אינעץ, די טאָכטער פונים אַראַגאָנער רב, רבי יצחק אַראַמאַ. אײַנגיהילט אין דער לאַנגער שוואַרצער מאַנטילע, צונויפגיפּרעסט אין ענגיניש, באַגאָסן פון שווייס און פון אַנגסטן, האָט זי אין דער תּחלה ווי פאַרלוירן דאָס וויסן פון אַן אייגינים באַזונדערן זײַן. זי האָט נאָר צוגידריקט די קלאַפּנדיקע שלעף צו דעם מאַרמאָר-זײַל און מיטן גאַנצן לײַב גיפילט דורך די זײַדינע קליידער זײַן קילנדע האַרטקייט.

נאָר דאָס בילד פונים יונגין דאָן אַלאָנזאָ, וואָס איז אַן אײַנגיבויגינער אַרויפגיגאַנגין אויף דער אַמבאַנע, האָט דורכגישניטן דעם נעפּל פאַר אירע אויגן און ווי מיט אַן אומזעבאַרן גיוועב פון גאָלדינע פעדים זי אויסגישײַלט פונים גופים-קנויל. אָט דאָס איז ער, איר שונא אויפ-ן לעבן. אָט דאָס איז ער, נעבעך. צווישן דעם צודאַווונטן טויזנטער-קעפּיקן עולם איז ער אײַנזאַם, אײַנזאַם. קײַן איין-און-איינציקן מיטפילנדיקן פרײַנט! נאָר זי איינע אַ נאָנטע צווישן די אַלע אַרומיקע. נאָר זי באַגלייט מיט רחמנות זײַנע וואַקלענדיקע טריט, זײַנע דעשראָקינע ווערטער. און זי וויל עס אים זאָגן מיטן בליק. און טיף בײַ זיך, פילט זי, איז זי אַביסל שולדיק — כאָטש זי ווייסט נישט פאַרוואָס — אין זײַן איצטיקער דערשלאָגנקייט. און זי וויל עס אים באַלויזן מיט אַ ליכטיקן, שמייכלענדיקן בליק.

אָ, וויפל וועלטן און זונין-שטראַלן פון צוויי ליבנדע גיליבטע אויגן! אַמאָל זענין זיי, ווי צוויי פּיאָלקעס אין גרינים הויכן גראָז, ווי קלײַנע צוגליטע קוילן אין דעם בעכער פון קטורת. און דאָך, אַז דו קוקסט אין זיי אַרײַן, פאַרשטעלן זיי מיט זיך די גאַנצע וועלט, אַז קיין זאַך עקזיסטירט נישט אַ חוץ זיי, אַז קיין לעבן איז נישטאָ אַ חוץ זיי. און אַמאָל ווידער זענין זיי ווי צוויי פענצטערלעך פון אַן אָפּגרונט-טיפער, סודותדיקער נשמה, וואָס אין איר פאַרלירסטו דיך אינגאַנצן, דערטרענקסט לײַב און לעבן און ווערסט אַ בלויזער נאַקיטער יונג-גאָט פון גליק. און אַמאָל עפינען זיי זיך אויף דיר, ווי הימלין, אַז ס'ווערט ליכטיק אין אַלע עולמות און דײַן משוגע גיוואָרינע פרייד כאַפּט דיך אָן בײַ דער טשופרינע און טראָגט דיך אין זיי פון ליכט צו ליכט! אַזוי גרויס איז זייער כּוח, אַזוי דער כּשוף!

דאָן אַלאָנזאָ-ן האָט דאָס האַרץ גישפּאַרט פון דער ברוסט פאַר אויפלעבונג און מונטערקייט. שטאַרק און הויך און ווערט זײַן קול, פינצטער — זײַנע אויגן, פלאַמידיק, מטיל-אימהדיק ווערט זײַן מוסר. און דער כּעס אויף די שטן-קינדער פּרעסט זײַן האַנט צונויף אין אַ פויסט. ציט-אײַן ווי האַליקער עסיק זײַנע שמאָלע ליפּן און שפּריצט פון זיי מיט זידנדיקער גיפט. און יעדער טראָפּן פונים דאָזיקן פאַרסמטן קוואַל שטעכט ווי אַ דאָרן אין לײַב, ברענט ווי אַ פײַער פונים שאול תּחתּיות אין חלל פונים קלויסטער. אַזוי ציען די קונצנמאַכערס פון גראַנאַדע אײַלנלאַנגע וואַקסינע ליכט פונים מויל, לאָזן רעגנבויגנס, שפּײַען פלאַמען. איז דאָס ער, דער אײדלער, ריטערלעכער דאָן אַלאָנזאָ, וואָס זײַן יונגער, מיט כּוחות שפע גיבענטשטער קערפּער, פלעג זיך דאַכטן, איז מורד אין די גלחישע קליידער און דאָס לעבן, וואָס שפּרודלט פון זײַנע באַוועגונגין שפּעט-אָפּ פון זייער טויטן - שוואַרצקייט? זענין דאָס די ברעמין פון הימלישער וועלבונג, די ליפּן וואָס דער גאַנצער פרילינג פון לאַנד פלעג בליען אויף זיי? איז דאָס ער, דער „ריטער פונים הייליקן אָרדן" ווי ער פלעגט זיך רופן; „דער הייליקער פונים ריטערלעכן אָרדן" ווי ס'האָבן אים גירופן די ווײַבער און מיידלעך פון טאַראַגאָנע?

זי גידענקט נאָך ווי הײַנט דעם טאָג פון זייער ערשטן באַגעגעניש. זי איז גיזעסן אין קליינים גאָרטן, אין שאָטן פון איר טאַטנס הויז; גילײיענט די קרעפּטיקע, גיוואויגינע און גימאָסטינע שירים פון שלמה בן גבירול און באַוואונדערט דעם שפּיל פון דער זון אויף די איילבירטינע בלעטלעך. און גידאַכט האָט זיך איר, אַז די קלאַנגין און ריד פונים משורר און די זוניקע בלעטלעך זענין ווי פון איין מין גאָלד אויסגיגאָסן. אַפילו דער נאָנטער ים איז אײַנגידרימלט גיוואָרן ווי אַ שווער אומבאַוועגלעך מעטאַל. און זי האָט נישט גיהערט ווי אַ שיפל האָט לייכט צוגישלאָגן צום ברעג. ערשט ווען אַ שוואַרצע גישטאַלט האָט זיך באַוויזן אויף דעם בלאָען, דורכזיכטיקן הינטערגרונד און גיאײַלט צו איר, האָט זי זיך גיגעבן אַ שטעל אויף און דערזען אים צום ערשטן מאָל. אַ שוידער איז אַדורך איר חוט השדרה און זי וויל אַנטלויפן אין שטוב אַרײַן. אָבער זײַנע ווערטער און זײַן שמייכל האָבן זי צוגיבונדן צום אָרט און מיט אַ קינדישער אומבאַהאָלפנקייט קנייטשט זי דעם פאַרמיט פון דער לידער מגילה. ער פרעגט וואָס דאָס איז און נעמט עס אַרויס פון אירע הענט צו באַקוקן.

פון דעמלט אָן איז ער גיווען אַ שטענדיקער גאַסט און אײַנגייער אין זייער הויז. אומגירעכט פלעג ער ווי אויסוואַקסן פון דער ערד, תּמיד מיט דעם זעלבן שמייכל, מיט אַנדערע תּמיד אויסריידן. מען פלעג אים אויפנעמען זייער פרײַנטלעך, נאָר דער שמועס, וואָס פלעג זיך פסדר נישט ווילנדיק רייסן, האָט עדות גיזאָגט אויף אַן אומצופרידנהייט. דאָך נישט איינמאָל איז דער שמועס פון וואָרט צו וואָרט איבערגיגאַנגין אין אַ הייסן וויכּוח מיט איר עלטערן ברודער מאיר און דער אויסגישולטער טעאָלאָג פלעג בלײַבן פאַרוואונדערט פאַר זײַן קלאָרן, שנײַדיקן שכל און זײַנע ברייטע פילאָזאָפישע ידיעות. אָבער ס'רוב האָט דער גלח אויסגימיטן אַזעלכע שמועסן, אין וועלכע מאיר אַראַמאַ האָט גיבדקיוויט זײַן ביכערישע רעטאָריק מיטן בליציקן מעסער פון אמת בײַם רײַנים ליכט פון דערקענטניש. צו וואָס זאָל אינעץ זען, ווי ער שטייט נידריקער אין דענקערישער פילאָזאָפיע פון איר ברודער? ער האָט אויך נישט גיוואָלט, אַז עס זאָל שטענדיק אויפגילויכטן ווערן דער תּהום, וואָס טיילט זיי פונאַנדער. אויך ר' יצחק איז נישט צופרידן גיווען מיט די וויכּוחים וועגן אמונות, ווער ווייסט וואָס דערפון קאָן אַרויסקומען? און ער האָט אָנגיזאָגט זײַנע קינדער נישט צו רייצן דעם גלח, נישט אויפצורודערן אים. ס'קען נאָך, חלילה, אַר יסקומען אַ רעה פאַרן כּלל. איינמאָל האָט ער זי גיטראָפן זיצן אַליין אין דער אַלטאַנע. די גלאָקן האָבן גיקלונגין און אַ קילער ערנצטער אָוונט האָט אָנגיצונדן די וואָלקנס אין מערב און צושמעקט אַלע בלומען אין גאָרטן. אויף די שפּיצן פון די ביימער האָבן גיפלאַטערט די זון-גיקושטע בלעטלעך, ווי גילדינע רענדלעך. ער האָט אַנידערגיקניט פאַר איר און דערציילט די גישיכטע פון זײַן יוגנט. נאָך אַלס קינד האָט ער זי גיקענט. צווישן די טרויעריקע ווענט פון קלויסטער איז זי זײַן איינציקער חלום גיווען, היילנדע טרייסט, ווײַטיקע בענקשאַפט. און שטודירנדיק די געלע פאַרמיטן פון טעאָלאָגיע פלעג ער זי זען אין דמיון אַלס אידעאַל. ער שעמט זיך עס אויסצוזאָגן: אַפילו די געטלעכע מוטער פלעג אים זיך אויסווײַזן אין איר גישטאַלט און קוקן מיט אירע אויגן.

און זי איז — כאָטש גיוואונדערט האָט זי זיך אויף זיך אַליין — נישט גירירט גיוואָרן פון זײַן ווידוי. זי האָט באַמערקט דעם צלם, וואָס ער טראָגט תּמיד אויף זײַן ברוסט און פאַרוואָרפט

*) זע נומער 60



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 062 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

זיג, מיט אמונה אין זיין קראַפט, האָט ער פאַרשטאַנען, ער מוז זיין ווערק ענדיקן: ער וועט מיטרייסן די ווידערשפעניקע, וואָס קיין שום מאכט האָט נישט מיטגיריסן, ער וועט איינבייגן די האַרטנעקיקע, וואָס קיין ווילן אין דער וועלט האָט נישט איינגיבויגן. ער איינער האָט דורכגיבראָכן די אייזערנע מויער פון זייער עקשנות און ס-איז גינוג ער זאָל אויסציען די הענט און זיי וועלן פאַלן אים פאַר די פיס און קושן דעם זוים פון זיינע גלחישע קליידער.

ער האָט אראָפּגינומען דאָס אספערגילום מיטן הייליקן וואַסער פונים מזבח און גילאָזט זיך צוגיין צו דער צונויפגיפרעסטער קופּע יידן, ווי אין אַ וואַגזין, אָבער אומיטום האָט ער גיטראָפן די אומדורכברעכליכע מויער, ווי פון איין פעלז אַן אויסגיהאַקטע. אומיטום נאָר אַראָפּגילאָזטע אויגן, מאַכטלאָזע הענט, בלוטלאָזע אומבאַוועגליכע ליפּן. נאָר צוויי אויגן קוקן אויף אים. „אינבעץ!" האָט ער גיוואָלט אויסשרייען. ער גייט צו צון איר און רעט כלומרשט צו דער גרופּע אַרום איר: קניט אַ נידער פאַרן מאַיעסטעט פונים פאָטער אין הימל! אָבער די אויגן, אירע אויגן, קוקן ווילד, שרעקלעך, מיט שגעון און איבערמענטשלעכער, געטלעכער צו טייוולאָנישער גבורה. און אַ שטיל וואָרט, קוים גישעפּטשיט, אָבער הילכיק אָפּקלינגנדיק אין אַלע הערצער שניידט דורך די טויטע שטילקייט:

— שקרן!

און אַ ווייסע זידיקע שוים באַווייזט זיך אויף אירע ליפּן און אַ שפּײַ, ווי אַ אָפּגיריכינע כוואַליע פונים בלוטיקן האַרץ, פאַלט אים אין די אויגן, ווי אַ דונער פון איבערגייענדיקער פאַראַכטונג איך פנים, אין הייליקן אָספּעסאַריום. אַ מורא פאַלט אין זאַל. אַ גליוורונג פאַרכאַפּט דעם אָטעם. מען פאַלט אויף די קניעס, מען צלמט זיך אָן אויפהער. אָבער באַלד ברעכט אויס אַ צעיושעט מערדעריש געשריי. ווי פון מאַטאַדאָרן ביים אָקסן-קאַמף, ווי פון טויזנט לייבן, וואָס האָבן דורכגיבראָכן די קראַטעס, מיט אויפגיהויבינע פויסטן, מיט טופּנדיקע פיס און פאַרווירטע גיהילכן שפּאַרט מען דורס צו זיין די פאַרשוועכערס. נאָר פלוצים באַווייזט זיך די קליינע זיך-טרייסלינדיקע גישטאַלט פונים נונציוס אויפן מזבח. זיין האַנט איז אויפגיהויבן און זיין פנים ווייס צוגליט פון גרימצאָרן. אַלע צוהיצטע אויגן ווענדן זיך צו אים און אין שטילגיוואָרינים זאָל דערהערט זיך זיין וואוטנדיק קול:

— נישט זי איז שולדיק — נאָר ער — דער טייוול אַלאַגואַ! —

— — — — — — — — — — — — — — —

און אין אַלע שולן און בתי מדרשים פון קהלה קדושה טאַראַגאָנע האָט מען גומל גיבענשט, און דעם גרויסן הלל גיזאָגט, און אָפּגיגעבן אַ שבח והודיה צו השם יתברך פאַר דעם גרויסן נס* מחוץ לדרך הטבע, וואָס [illegible] לחודש טבת, שנת רמ"ג ה' אלפים לבריאת העולם.

און ווייט און ברייט האָט גיקלונגען מיט שמחה און האָפינונג:

רם על כל גוים ד', על השמים כבודו.
מי כד' אלקינו המגביהו לשבת,
המשפילי לראות בשמים ובארץ?
מקימי מעפר דל, מאשפות ירים אביון.
להושיבי עם נדיבים, עם נדיבי עמו.
מושיבי עקרת הבית, אם הבנים שמחה,
הללויה!
בצאת ישראל ממצרים — — — — — — — —

# 100 פּריינט
# פון פאַרלאַג „בית-יעקב"!

אויף דער לעצטער קאָנפערענץ אין פּאַביניץ, איז אָנגינומען גיוואָרן אַ באַשלוס, אַז עס זאָלן ווערבירט ווערן 100 פריינט פאַרן פאַרלאַג „בית יעקב". נאָך פיל אויפקלערן די זאַך האָבן אַלע איינגיזעען, אַז אַנדערש איז נישט צו האָפן, אַז עס זאָל אַרויסגיין אַ ניי בוך.

מיר ווענדן זיך צו אַלע, סיי יחידים, סיי אָרגאַניזאַציעס און ביבלאָטעקן צו דעקלאַרירן זיך אַלס אונדזערע שטענדיקע פריינט, ד. ה. אויף זיך צו נעמען אַ התחייבות צו פאַרשפּרייטן פון יעדן נייעם בוך, וואָס וועט אַרויסגיין צו 5 עקז. יעדער פריינט צאָלט איין אַ קאָנטא 10 גילדן און שרייבט אונטער אַ גיהעריקע דעקלאַראַציע. ווי באַלד ס'זענען דאָ 100 אַזעלכע פריינט נעמט זיך אונטער אונדזער פאַרלאַג אַרויסצוגעבן יעדן חודש צוויי וויכטיקע ביכער, אין אָנהייב קומען אין באַטראַכט נאָר בעסערע בעלעטריסטישע ווערק.

עס איז אַ פּרוואו, צי עס זענען באמת פאַראַן אָפּנעמער אויף נייע ביכער. דער פאַרלאַג וויל זיך נאָר שאַפן אַ זיכערן טיראַזש, וואָס זאָל דעקן אַ העלפט פון די קרן-קאָסטן. באם אָבער עס וועלן נישט זיין קיין 100 אַזעלכע אָפּנעמער, איז דאָס אַרויסגיין נייע ביכער נישט פאָראויסצוזעען.

מיר וואַרטן אויף אַ ענטפער! יעדער וואָס וועט זיך דעקלאַרירן וועט זיין נאָמען ווערן פאַרעפנטלעכט אין אונדזער זשורנאַל.

י. הלוי בירנבוים

# אַקראַנץ פּערל

(גיזאַמלט פון תלמוד, מדרשים און אַנדערע ספרים)

טו נישט קיין גוטס אַ שלעכטן
וועט דיך קיין שלעכטס נישט טרעפן. (ב"ר פכ"ב-ח)

*

שיין איז דאָס שווייגן פאַר חכמים
ווי שיין נאָך פאַר נאַראָנים. (פסחים צ"ט)

*

אַ ליגנער, אַפילו ער זאָגט אמת
הערט מען אים אויך נישט. (סנהדרין פ"ט:)

*

מיט דריי זאַכן דערקענט מען דעם מענטש:
בכוסו—ביים טרינקען,
בכיסו—מיט דער טאַש, — —
בכעסו—מיטן צאָרן. (עירובין ס"ה)

*

פיר שטאָלצע זענען פאַראַן:
דער אָקס ביי בהמות,
דער לייב צווישן חיות,
דער אָדלער ביי עופות
און דער מענטש איבער אַלע. (ש"ר פכ"ג-יג, חגיגה יג:)

*

פונים ברונים, פון וועלבן דו טרינקסט
וואַרף נישט קיין שטיין. (תנחומא מטות סג)



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 062 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# אַ הייליקע נשמה

(חסידיש)

נאָכדערציילט פון **אליעזר שיבדלער**

דריי יאָר איז אייזיקל אַלט געוואָרן ווען זיין פאָטער איז אים געשטאָרבן. די מוטער איז געבליבן אַן אָרימע אלמנה און האָט נישט געקענט האַלטן קיין מלמד פאַר איר עלנט יתומל. האָט זי מיט אים אַליין געלערנט עברי, און אייזיקל האָט זיך אויסגעלערנט דאַווינען.

איינזאַם איז אייזיקל אויפגעוואַקסן אין דעם פאַרוואָרפענים אונגע-רישן דערפל, און מיט זיבן יאָר האָט ער געמוזט אַרויס אין פעלד אַריין היטן שעפעלעך, דאָס איינציקע פאַרמעג פון זיין אָרימער מאַמען.

האָט דער גרויסער צדיק ר׳ ׳יב שרהס געזען, אַז דאָרט ווייט אין דער אונגערישער ווילדעניש וואַקסט אַ טייערע נשמה פון אַ גאָר הויכער מדרגה און אַז מ דאַרף איר געבן אַ תיקון, אויסצולייזן פון דער איינזאַמקייט.

איז ר׳ לייב שרהס אַוועק קיין אונגערן, געוואָנלט פון שטעטל צו שטעטל פון ישוב צו ישוב, איז ער איז געקומען אין דער געגנט פון זאַבאָלטש. מיד פונים וועג, האָט ער זיך אַנידערגע-לייגט אויף אַ לאָנקע אונטערן שאָטן פון אַ בוים. דערזעט ער אַ קליין אָרים פאַסטעכל היטן שעפעלעך, און באַלד הערט ער אַ האַרציקע שטימע פון דעם יינגעלעס מויל: גרויסער באַשע-פער, אפשר האָסט דו אויך עטלעכע שעפעלעך. איך וועל זיי דיר היטן, זיי פאַשן געטריי! אוי, באַשעפער, זיסער באַשע-פער! ווי ליב האָב איך דיך!

ר׳ שרהס איז אויפגעשטאַנען מיט גרויס פרייד, צוגעגאַנגען צו דעם פאַסטעכל און צו אים געזאָגט: יאָ, מיין קינד דו וועסט אם-ירצה-השם היטן דעם אייבערשטנס שעפעלעך.

דאָס יינגעלע האָט דעם צדיק אהיימגעפירט צו דער מוטער. ר׳ לייב שרהס האָט די אַלמנה געבעטן זי זאָל אים מיטגעבן איר יינגעלע, ער וועט פאַר אים זאָרגן. די מוטער האָט מסכים געווען און ר׳ לייב שרהס האָט דאָס קליינע פאסטעכל געבראַכט קיין ניקלשבאָרג צום רבין ר׳ שמעלקע זצ״ל.

„דאָ האָט איר אַ נשמה פון היכל השירה״ האָט ר׳ לייב שרהס געזאָגט צום ניקלשפאָרגער צדיק.

דער קליינער אייזיקל, דאָס פשוטע דאָרפס-יינגעלע האָט געלערנט מיט גרויס התמדה און געגאַנגען פון מדרגה צו מדרגה אַלץ העכער און העכער. צען יאָר האָט אייזיק געלערנט אין ניקל-שפאָרג, דערנאָך האָט דער רבי ר׳ שמעלקע צו אים געזאָגט: איך האָב מיט דיר געלערנט תורה, אַצינדערט מוסטו אָנהייבן לערנען יראת שמים, גיי קיין גאַליציע, קיין ליזשענסק, צום הייליקן רבין ר׳ מלך, דעם „נועם אלימלך״ און דאָרט וועסטו לערנען ווי מען דאַרף מורא האָבן פאַרן באַשעפער.

פינף יאָר וועסטו דאָרט לערנען און דערנאָך וועסט דו אַהיים צו דיין מאַמען. שווער איז אייזיקלען געווען זיך צו שיידן מיט ניקלשפאָרג, מיט זיין טייערן רבין וואָס האָט מיט אים געלערנט צען יאָר תורה. נאָר ר׳ לייב שרהס איז געקומען און אים אַוועק-געפירט קיין ליזשענסק.

דאָרט האָט ער געלערנט פינף יאָר. דערנאָך האָט אים דער נועם אלימלך געבענטשט, אים געהייס אַהיימפאָרן צוריק קיין אונגערן און דאָרט חתונה האָבן מיט דער כלה, וואָס זיין פרומע מוטער האָט פאַר אים אויסגעקליבן.

ר׳ אייזיק איז געוואָרן קאַליווער רב און רבי. זיין נאָמען האָט געשמט אין גאַנץ אונגערן און פוילן. טויזנטער יידן זענען גע-קומען צו אים נאָך טרייסט און הילף. ער האָט די אונגערשע יידן געלערנט דעם וועג פון חסידות, זיי געוויזן דאָס הייליקע ליכט פון ר׳ ישראל בעל-שם-טוב און דעם מעזריטשער מגיד דעם רבין ר׳ בער.

דער קאַליווער צדיק פלעגט יעדן טאָג אַרויסגיין חוצן שטעטל און צווישן די פעלדער און וועלדער דינען דעם אייבערשטן. איינמאָל דערזעט ער אויף אַ לאָנקע שטייט אַ פאַסטעך צווישן זיין טשערעדע און זינגט אַן אונגעריש ליד. דער ניגון איז געווען אַזוי זיסער, אַזוי הייליקער און פול מיט בענקשאַפט.

דער אונגערישער פאַסטוך האָט געזונגען:

וואַלד, וואַלד. ווי גרויס ביסט דו? —
רויז, רויז, ווי גרויס ביסט דו,
וואָלט דער וואַלד נישט געווען אַזוי גרויס
וואָלט פון מיר נישט ווייט געווען מיין רויז.
ווער וועט פון וואַלד מיך אַרויספירן,
און מיט מיין רויז מיך צוזאַמענפירן...

ארכיון אסופות

הייסע טרערן האָבן זיך געגאָסן פון ר׳ אייזיקס אויגן. דאָ האָסטו אַ מטבע — האָט ר׳ אייזיק געזאָגט צום פאַסטעך און זינג נאָכ-אַמאָל דעם אייגענעם ניגון. און ווען דער פאַסטעך האָט אָנגע-הויבן זיין געזאַנג האָט זיך ר׳ אייזיק קאַליווער אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און געזונגען:

גלות, גלות, ווי גרויס ביסט דו,
שכינה, שכינה, ווי ווייט ביסט דו,
וואָלט דער גלות נישט געווען אַזוי גרויס
וואָלט די שכינה נישט געווען אַזוי ווייט.
ווער וועט מיך פון גלות אַרויספירן
און מיך מיט דער שכינה צוזאַמענפירן.

זינג נאָכאַמאָל האָט ר׳ אייזיק דעם פאַסטעך געבעטן און אים געגעבן נאָך אַ מטבע. דער פאַסטעך האָט דאָס מאָל דעם ניגון געשפּילט אויף אַ הילצערן פייפעלע. זינג נאָכאַמאָל — האָט דער צדיק געבעטן. נאָר צום דריטן מאָל האָט דער פאַסטעך שוין נישט מער געקענט שפּילן, דער ניגון איז אים אַרויס פון זיין זכרון.

הארכיון היהודי

מיט פרייד האָט דער צדיק געזאָגט צו זיינע חסידים. איך האָב דעם ניגון איצט אויסגעלייזט. דאָס איז דאָך דער ניגון וואָס די יידן האָבן געזונגען ביי די טייכן פון בבל. באַלד צוויי טויזנט יאָר ווי דער ניגון איז געווען אין גלות, אַצינד האָט דער ניגון באַקומען זיין תיקון.

ר׳ אייזיק קאַליווער איז געווען אַ גרויסער רעליגיעזער משורר. פונקט ווי ר׳ יצחק לוי באַרדיטשעווער האָט ער אויך געזונגען און פאַרפאַסט הייליקע ג—טלעכע געזאַנגען. זיי ווערן נאָך עד היום געזונגען מיט גרויס התלהבות פון די אונגערישע חסידים.

דער פאַסטעך און די שעפעלעך:

די שעפעלעך וויינען
די פאַסטעכער קלאָגן,
לאָמיר דעם האר תיכף זאָגן
אַז היי באַדאַרף זיין סטאַדע...

זיי געבענטשט פאַסטעך געטרייער!
און שלום צו מיינע שאָף?!

צו דיינע שאָף
וועט תמיד זיין שלום
כל-זמן איך בין זייער פאַסטעך...



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 062 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# יידישע פרויען דערציאונג

## די ריידזע צו דער דערציערן

(סוף פון ערשטן קיפיטל)

זיין פאטערליך הארץ איז גיוועזן באשווערט מיט פיינלעכע גיפילן, ווי וועט ער זי קענין א וועקלאזן פון זיך פאראיינזאמט. עס איז אים גיוועזן קאלאמוטנע אויפן הארצן, און לאנגדיק לאנגזאם פארן די פערד, איז ער פארזונקן גיווארן אין דער פארגאנגנהייט, אין יענער גליקלעכער צייט, ווען זיין אייבדעלע פרוי האט נאך גילעבט...

פלוצלינג האט ער גיהערט, ווי עמיצער רופט אים אן ביים נאמין. א דערשראקינער האט ער זיך אומגיקוקט. ווער עס רופט אים דאס אין מיטן וועג. ער האט אבער גיהאט א גאנץ אנגינעמע איבערראשונג, דאס איז גיוועזן זיין יוגנט-פריינט גדלי' האכהיים. ער איז גיגאנגין אויפן וועג מיט א פאק אויף די פלייצעס, א מענטש פון א יאר פיניף און פערציק. האט ער גיטראגן זעם שווערן פאק אזוי לייכט און רירעוודיק, ווי א בחור'ל פון א יאר זעכצן, ניינצן טראגט זיינע שול-ביכער אין זיין יוגנט-לעכן לעבנס-לוסט.

בנימין האט א צי גיטון מיט די לייצעס און אפגישטעלט די פערד.

וואוהין פארסטו? בנימין — האט אים גדלי' גיפרעגט צוקומינדיק צום וואגן.

קודם-כל זעץ זיך ארויף אויפן וואגן, און זאג מיר, וואוהין דו ווילסט פארן.

איך דארף נאר צום נאנטסטן דארף — האט בנימין גיענפערט. אבער מיין ג—ט, וואס פאר א שווערן פאק דו טראגסט אויף דיינע פלייצעס!

האט בנימין גיזאגט פארוואונדערט:

יא, יא, ליבער בנימין, יעדער מענטש האט זיך זיין פעקל — האט גדלי' גיענפערט וויציק.

וואס זאל דאס באטייטן—האט גדלי' ווייטער גיזאגט אין שפאס—צי האסטו דאגות פרנסה? און אפשר דריקן דיך די גידרוקטע געלט-אסיגנאציעס? אדער אפשר ביסטו בייז אויף דער וועלט, וואס איר גאנג איז אזוי משופעדיק?

בנימינ'ן איז נישט גיוועזן אויפן הארצן צו ענפערן אים אינים זעלבן וויציקן טאן. ער האט אים מיט אייגפאכע און פשוטע ווערטער דערקלערט דעם צוועק פון זיין רייזע.

איך פארשטיי דיין צער—האט האכהיים גיזאגט ערנצט, דו וועסט דיך מוזן שיידן מיט דיין טאכטער אויף א שיינע פאר יאר, אבער צי קאנסטו דען דיך נישט טרייסטן דערמיט, וואס צו שיידכט זיך מיט איר צוליב אזא הויכן ציל?

נו, צום טייל איז עס א טרייכט.

וואס צום טייל?

נו יא, וואס דארף דען אין גרונד גינומין וויסן א מיידעלע? א פרוי דארף נישט זיין צו הויך גיבילדיט נישט אין וועלטלעכן וויסן און נישט אין יידישקייט, א ביסל יא, אבער נישט צופיל.

און דאס זאגסטו דו נאכגיטראכט? — האט גד י' האכהיים זיך אנגירופן מיט א טאן פון פארוואורף—דאס זאגט א מענטש, וואס איז גיוועזן אלזייטיק גיבילדיט. איך וואלט דיר זער גערן נישט גיוואלט אויפרייסן דיין קוים פארהיילטע וואונד, אבער שווייגן וואלט גיוועזן א טאפלטער פארראט...

און וואס פאר א מיינונג האסטו פון דיין שוועגערן, די פרוי טריעסט, וועלכע איך האב דעם כבוד צו קענין? איז זי דען נישט א לעבעדיקער מוסטער פון אן-אידעאלער פרוי?

די דאזיקע צווי פרויען זענין אודאי א יוצא מן הכלל — האט בנימין גיענפערט אפווייכנד.

גיוויס זענין ביידע א אויסנאם. האט האכהיים גיענפערט איראניש. — א, וואס פאר א אויסנאם זענין זיי פון די פרויען, וואס דורך דער פרילינגס-לופט זענין זיי רעליגיעז פון ראמאנין „אויפניקלערט". דורכן טעאטער גיבילדיט, אין גלאנצן דורך פוץ און פראנן-דרעשעריי. און דורך דעם, וואס זיי דרעסירן די קינדער האלט מען זיי פאר מוסטערהאפטע מוטערס, ג—ט איז אן-ידות וואס אמת גיבילדיטע בראווע הויז-פרויען זענין א זעלטינער אויסנאם צווישן די פיל איינגיבילדיטע און פארבילדיטע פרויען, זיי זענין גיגליכן צו די טיף-ווארצלדיקע דעמבעס א קייגן די שוואכינקע ביימעלעך, וואס דער מינדסטער ווינט קערט איבער קאפויר. פונוואניט שטאמט דען דער מוראדיקער לייכטזין פון אונדזער אונטערוואקסנדער יוגנט, וואס איז דען די סבה, וואס אונדזערע פאמיליען-פעדים ווערן לעצטנס אזוי שוואך צווישן מאן און פרוי און צווישן עלטערן און קינדער, וואס איז די סבה פון אונדזער רעליגיעז-מאראלישער ירידה פון אונדזער פאמיליען-לעבן, וואס האבן אמאל גידינט אלס מוסטער פאר אנדערע און פון זיי באזונגין גיווארן? פונוואניט שטאמט די גיוואלטיקע תאוה צו ביניסן פון אלע תענוגי עולם הזה, וואס האט לעצטנס באהערשט אונדזער דור?

וואס איז די סבה פון דעם יאמער און עלנט אין אונדזער גיזעלשאפט? אפשר וועסטו עס אויך פארענפערן מיט דער פוסטער פראזע, די צייט האט דאס גורם גיווען? מיינסטו אפשר, אז די סבה דערפון, דארף מען זוכן אומיטום נאר נישט אין דער שלעכטער דערציאונג פון דער יידישער טאכטער? „בזכות נשים צדקניות" האבן די חכמים ז"ל גיזאגט, אין זכות פון די פרומע יידישע פרויען זענין די יידן אויסגילייזט גיווארן פון מצרים, באגרייפסטו דעם זין דערפון אבער באגרייפסטו עס נישט? לאז נאך דיין קינד, טאכטערל* רבקה אליין איבער איר אייגינים גורל און זאל זי בלייבן אנ'אומוויסנדע און פאראכטן אונדזערע הייליקייטן. פון די אמת'ן פון אונדזער רעליגיע לאז זי אן תורה און אויסבילדונג פון גייסט, און דו וועסט דאס אלץ באגרייפן און פארשטיין — צו שפעט.

אבער מיין ג—ט, דו רעדסט אזוי ווי איך וואלט..

לאז גימאך, איך בין א פשוט'ער ייד. און איך בין דער מענטש, וואס האב גיזעען דעם גאנצען עלנט מיטן גייסט פון זיין צארן. ווער עס צווייפלט אין דער ערציאונג פון אונדזערע טעכטער פאר ג—ט און פאר דער וועלט; דער ייד, וואס שטייט נאר איין מינוט אויפן שייד וועג און שלאגט זיך מיט דער דעה, און צווייפלט אויפ'ן וועלכן וועג צו ערציען זיין טאכטער, ווייל דאס איז אפשר א ביסל אומבאקוועם און עס איז פארבינדן מיט געלט, דעם ייד האלט איך פאר א פארברעכער, נישט בלויז פון זיין אייגן קינד. נאר פון זיין פאלק, און איך וואלט זאגן: אלס פאררעטער פון דער מענטשהייט. ווארום אויף דער פרוי רוט די וועלט-גישיכטע און אויף די עלטערן, וואס ווילן נישט איינזען דעמדאזיקן אמת, וועט פאלן די וועלט-קללה!

אבער, ליבער גדלי', הער זיך דאך איין... דו פארשטייסט מיך נישט... די שיידונג מיט מיין קינד האט מיך גישטימט אזוי שווער.

און ווי וואלט גיוועזן ווען ג—ט וואלט איינגאנצן פון דיר גיפאדערט דיין קינד? גייט דיר נישט אדורך א שוידער דורכן לייב, ביי דעמדאזיקן גידאנק, אבער דער אמתער ייד, דער וואס שטאמט אפ פון אברהם אבינו, שרעקט זיך נישט ביי דעמדאזיקן גידאנק און באקלאגט זיך נישט, ער פאלגט

הארכיון היהודי
ארכיון אסופות

# איז קאמף מיט דער לוקסוס=מגפה!

יהודה לייב אָרלעאַן: דער פארשוואונדינער גן-עדן. א וואָרט וועגן מאָדע און לוקסוס. וואַרשע — תרצ״א. פארלאַג „בית-יעקב״ לאָדזש.

אָרלעאַנס חיבור איז אַ יסורימדיקער אויסגעשריי פון אַ צובלוטיקט הארץ, פון אַ צופייניקטער נשמה... צי וועלן די טויזנטער יידישע מאַמיס, די טויזנטער יידישע טעכטער הערן דאָס קול און זיך דערמאַנען?! צי וועלן זיי כאָטש פרואוון זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם פאַסקודנים זומפ, כל זמן ס-איז נאָך אפשר מעגלעך? צי וועלן זיך די יידישע מאַמיס, די יידישע טעכטער באַרעכנען, און זיך פאַרטראַכטן, און דערקענען וואָס סאַראַ גרויסע חרפה וואָס כאַרא ביטער אומגליק זייערע מעשים זענען פאַר אונדזער פאָלק?! און אז עס מוז שוין אויפהערן דער דאָזיקער שדים-טאַנץ, דער דאָזיקער שגעון! צי וועלן זיך יידישע פרויען, יידישע טעכטער שוין קיינמאָל נישט אָפּגעבן קיין דין וחשבון?! צי איז אונדזער רעליגיעזע ירידה, אונדזער גייסטיקע מפלה שוין אַזוי מוראדיק, אַז יידישע מאַמיס די „נשים רחמניות״ האָבן שוין נישט קיין חס אויף זייערע מענער און קינדער, און יידישע טעכטער די „בתולות ירושלים״ נישט קיין רחמנות אויף זייערע עלטערן?!...

מיט אַ גרויסער לעבעדיקער שפּאַך – קראַפט שילדערט יהודה לייב אָרלעאַן אונדזער שאַנד, אונדזער אומגליק.

דער עיקר ווייזט אָרלעאַן אָן אויף דעם „נגע בבגד״ אויף דעם מלבושים לוקסוס און אויף דעם „נגע בקירות הבית״ אויף מעבל-לוקסוס, אויף אָט די צוויי נגעים וואָס מאַכן אַ תל פון אונדזער פאָלקס-אָרגאַניזם און פון אונדזער פאָלקס פאַרמעגן. אָרלעאַן דעקט אָבער אויך אויף די אַנדערע נגעים וואָס האָבן אַ שייכות צו די צוויי פריער-דערמאָנטע. צו וואָס זיך חקירהנען און דיסקוטירן, זיך אַריינלאָזן אין פוסטע רייד און פרעגן צי ס-נעמט זיך די לוקסוס מגיפה ביי אונדז פון דער גרויסער אויבנאויפיקייט, פון דער שרעקלעכער אומוויסנהייט, צי פאַרקערט. ווייל אונדזערע טעכטער זענען אַזוי פאַרטועט אין לוקסוס, און זענען מקריב פאַר אים זייערע יאָרן און זייער געלט איז דאָס די סיבה פון זייער קולטור אָרימקייט, פון זייער גייסטיקן און רעליגיעזן דלות? נישט קיין צייט איצט פון חכמהלעך, די סכנה ווערט מיט יעדן טאָג גרעסער, און די יראים וועלן דאַרף זיך אויפוועקן פון דעם פריצות און הפקירות. רבנים און רביים! יידישע עסקנים און פירער! נעמט אייך אַלע צו דער הייליגער אַרבעט אַרויסצוטרייבן די טומאה פון דער מחנה ישראל. „הָעִירוּ הַגִּבּוֹרִים, יִגְּשׁוּ יַעֲלוּ כֹּל אַנְשֵׁי — המלחמה! פרומע יידישע טעכטער זייט איר פון די ערשטע, ווייזט אייערע שוועסטערן דעם וועג צו יידישער שיינקייט און צניעות. שפּעטערע דורות וועלן אייך פאַר דאָס בענטשן. אייער ערשטע אַרבעט דאַרף זיין צו פאַרשפּרייטן די שריפט פון יהודה לייב אָרלעאַן אין אַלע יידישע הייזער, באַקאַנט צו מאַכן דעם אינהאַלט פון דעם ביכל צווישן אַלע אייערע חבירות און אָנצואווייזן אויף דער נייטיקייט פון דעם קאַמף.

אליעזר שינדלער.

הארכיון היהודי

## וואו נאָר אַ יידיש הויז באַמי דיך, ס-זאָל אַריינקומען דאָס ביכל
## „דער פארשוואונדינער גן-עדן״

# צווייטער טאג פון דער בנות-קאנפערענץ אין פאביניץ

די צווייטע זיצונג הייבט זיך אָן מאָנטיק פ׳ ויחי 12 אזייגער אונטערן פאָרזיץ פון פרל. שעראַדזקא (לאַסק) עס ווערט פירגעליינט די רשימה פון די קאָמיסיעס פאר פרעסע, קולטור און סאָציאַלע ענינים און עס הייבט זיך אָן

*

א דיסקוסיע

פרל. געלבלום (וד, וואלע), פאַרלאַנגט דרינגענד, אַז ס-זאָל זיין אַ קאַטאַלאָג פון פוילישע ביכער, וואָס קענען אַריינגענומען ווערן אין די בנות-ביבליאָטעקן. פרל. טרויבע (פּיעטריקאוו): אין יעדן אָרט מוז זיין אַ צענזוריר - קאָמיסיע. פרוי שעירער זאָגט אַז אַזאַ קאַטאלאָג ווערט שוין געמאַכט און מען וועט אים באַלד קענען באַקומען ביי פרל. באָרנשטיין אין קראָקא (דיטלס-גאַס נומער 36), פרוי ווייסקאָל (פּאַביניץ) פּראָיעקטירט, אַז פון יעדער וואָיעוואודזטווע זאָל מען זיך צונויפקומען אַלע דריי חדשים וועגן איבערשמועסן מכח נייע ביכער. פרוי גאָלדמאַן (לאָדזש) באַרירט די פראַגע פ.ן חלול שבת און זי פאָדערט אויף די צענטראַלע ענערגיש צו אינטערווינירן ביי אָרטאָדאָקסישע אַרביטס-געבער צו באַשעפטיקן בנות-חברות און דער זעלבער מיינונג איז אויך פרל. יאָסקאָוויטש (בעלכאטאוו). פרל גליקסבערג (בלאַשקי) לייגט פיר, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער פאָנד, צו קענען שיקן אָרימע שוואַכע קינדער קיין ראַבקע. בשעת דער דיסקוסיע זאָגן זיך נאָך אַ סך אַרויס וועגן פאַרברייטערן דעם ב״י זשורנאַל, וועגן שרייבן מיטן טראַדיציאָנעלן אויסלייג. פרל. אונגער (ווירושאָוו) פאַרלאַנגט נאָך אַז מען זאָל גיך איינפירן דעם „בנות״-זשעטאָן, וועלכן דער צ. ס. זאָל אויספּערטיקן. דערנאָך האַלט אַ רעפעראַט פרל. ליפּמאַנאָוויטש (לאָדזש) וועגן.

דעם רוף פון ג—ט ווי אברהם האָט געפירט זיין זון יצחק צו דער עקידה! און דו זיפצסט און קלאָגסט דערויף, וואָס דו ביסט מקריב אַ פּאָר יאָר פאַר דיין טאָכטערס ערציאונג? ג—ט האָט צו דיר גירעדט וועגן דעם דורכן מויל פון דיין שטאַרבנדער פרוי און דו ווילסט נישט זיין רצון ערפילן מיט חשק און פרייד.

צי מיינסטו, אַז דו ביסט שוין אַלץ יוצא דערמיט, וואָס דו גיסט צדקה? ניין, מיין פריינט, דער שווער פּונקט פון די יידישע פליכטן ליגט אין דער צדקה וואָס דו גיסט דיר אַליין, און דיין קינד. גיב נאָר אַ קוק.. — דער האָזמאַן, זאָל איך איינהאַלטן די פערד, האָט זיך פלוצלונג אָפּגירופן דער שמייסער-יונג, דאָ איז דער „ווייסער לייב״.

דער שמועס איז צוליב דעם פלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן, האכהיים האָט זיך פריינטלעך געזעגנט מיט בנימינען און ער איז געוועזן צופרידן, וואָס ער האָט זיין יוגנט-פריינט געזאָגט אַ ביסל פאַרדינטן מוסר.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 062 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

## אונדזער חוב פאַר די אָרטאָדאָקסישע שולן אין ארץ־ישראל

די פרעלעגנטן שטעלט זיך אָפּ קודם־כל אויף דער באַציאונג פונים רעליגיעזן ייד בכלל צו ארץ ישראל און באַטאָנט דעם טאָפּלטן חוב, וואָס עס איז אויף אונדז צו אַרבעטן פאַר ארץ ישראל, אלס דאָס לאַנד פון אונדזערע אבות און גאַנץ באַזונדער צוצוהעלפן צום רעליגיעזן ישוב דאָרט. פרוי ליפּמאַנאָוויטש פאָדערט אויף אַלע חברות מיט צוהעלפן קודם די מוסדות החנוך אין הייליקן לאַנד. דערנאָך האַלט אַלענגערע רעדע ה׳ י. ל. אָרלעאַן (וואַרשע) וועגן

## יידישקייט און יידיש

דער רעדנער ווייזט אָן אויף דעם חוב פון דער יידישער טאָכטער צו פלעגן דאָס יידישע לשון. מיט פאַרשידענע אַרגו־מענטן באַווייזט דער פרעלעגנט, אַז כל זמן די יידישע טאָכטער וועט נישט האָבן קיין פּאָזיטיווע באַציאונג צום יידישן לשון, וועט זי נאָך אַלץ נישט זיין ראוי צו זיין די טרעגערן פון בנות־אידעאַל. לסוף גיט ה׳ אָרלעאַן אַ פאָרשלאַג דאָס במשך דריי חדשים נאָך דער קאָנפערענץ, זאָלן נעמען* אויף זיך אַלע דעלעגאַטנס צו רעדן מיט יידן נאָר יידיש. דער גאַנצער עולם אַפּלאָדירט זייער לאַנג דעמדאָזיקן פאָרשלאַג, אַלס צייכן פון הסכמה. פרל. עקשטיין (לאָדזש) ענטפערט אָפּ אין נאָמען פון אַלע דעלעגאַטנס, אַז זיי נעמען אויף זיך דאָס אָפּצוהיטן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט. דערמיט ווערט געשלאָסן די צווייטע זיצונג.

## דריטע זיצונג

הייבט זיך אָן 5 נאָכמיטיק און אַלס פּאָרזיצערן איז פרוי גוטער (לאָדזש). עס ווייזט זיך אויף דער טריבונע דעפּוטאַט און פּרע־זעס פון דער לאָדזשער יידישער קהלה ר׳ לייבל מינצבערג, וועמען דער גאַנצער עולם אַפּלאָדירט זייער. דער גאַסט האַלט אַ קורצע באַגריסונגס־רעדע און ווייזט אָן אויף די גרויסע פאַר־דינסטן פון צענטראַלן סעקרעטאַריאַט. עס רעדט נאָך ראָטמאַן פ. ליבערמאַן (לאָדזש) אַלס אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פונים פּענער־ראַט פון דער צענטראַלע, ווייזט ער אָן אויף די שווערע אַרבעט פון צ. ס. ביי די שווערסטע באַדינגונגען און אַפּעלירט צו די דעלעגאַטנס מיין צו שטיצן די צענטראַלע. דערנאָך האַלט אַ רעפעראַט פרל. שטערן (אַלעקסאַנדער) וועגן

## דער אַרבעט פון בתי־פאַרבאַנד

די פרעלעגנטן ווייזט אָן אויף דער נייטיקייט, אַז עס זאָל אומעטום זיין אַזאַ פאַרבאַנד און דאָס ברענגט פיל נוצן אי דעם ב״י אי די „בנות“. פרל. שטערן זאָגט, אַז דאָס די צוגרייטונגס־מחנה פאַרן „בנות“ אין נאָר די וואָס וועלן שוין האָבן געאַרבעט אין דעם קינדער־פאַרבאַנד וועלן דערנאָך זיין די ריכטיקע בנות אגודיסטקעס. דער רעפעראַט ווערט דערגענצט מיט אייניקע ווערטער פון ה׳ אָרלעאַן און עס רעדן נאָך וועגן דעם ענין פרל. שלענצקא (לאָדזש) און פרל. יאָסקאָוויטש (בעלכאַטאָוו). עס גיט נאָך אָפּ אַ באַריכט פרל. שפּראַדזקא (דוואָרט) וועלכע בעט פון צ. ס. אונטערשטיצונג. און פרל. בראָדער (לאָדזש) פאָדערט אַז ס־זאָל אונטערגענומען ווערן אַ אַקציע פאַר „קרן הישוב“ און מען זאָל נישט לאָזן דאָס הייליקע לאַנד אריינ־פאַלן אין די הענט פון אפיקורסים. נאָכדעם ווי עס גיט אָפּ אַ באַריכט פרל. זנאַמיראָווסקע (פּיעטרקאָוו) ווערט געמאַכט אַ הפסקה ביז 8 אָוונט ווען ס׳הייבט זיך אָן די

## פייערליכע אַקאַדעמיע

וועלכע קומט פאָר אונטערן פאָרזיץ פון פרל. קופּטשיל (לינטשיץ). עס האַלטן רעדעס וועגן „בנות“ אידעאַל פרל. טשערניק (פּאַביאַניץ) פרל. קיטנער (סאָכאַטשאָוו) פרל. יאָסקאָוויטש (בעלכאַטאָוו) פרל. ווייצמאַן (פּיעטריקאָוו) פרל. טרויבע (בלאַשקע) פרל. קאַדזשיאַל (בעלכאַטאָוו) פרל. קליגער (לאָדזש) רופט אַלע מיטצוהעלפן צו זאַמלען פאַרן פאַרענדיקן דאָס בנין פון סעמינאַר אין קראָקע. פרוי שעניר רעדט וועגן עשרה בטבת און זאָגט אויך, אַז אַלע וואָס ווילן זיך צוהערן צו אירע רייד זאָלן לייענען דאָס בית־יעקב־זשורנאַל, די איינציקע טריבונע פון דער באַוועגונג. אויך די וואָס קלאָגן זיך, אַז זיי האָבן נישט ווי מעגלעכקייט דעם זשורנאַל צו קויפן. גיט זי זיי אַ ביישפּיל פון אָרעמען הלל הזקן. וועלכער האָט אַ העלפט פון זיין קאַרגן פאַרדינסט, זיך געטיילט מיטן שומר פון בית־המדרש... נאָכדעם לייענט פאָר פרל. טשערניאַק די רעזאָלוציעס (צוליב מאַנגל אין פּלאַץ וועלן מיר די רעזאָלוציעס ערשט געבן אין קומענדיקן נומער צוזאַמען מיט דער פאָטאָגראַפיע). ה׳ פרידנזאָן רעדט אַרום די דערגרייכטע רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ און ה׳ אָרלעאַן האַלט אַ באַגייסטערטע שלוס־רעדע. נאָך אַ קליינע הפסקה שטעלט פאָר פרל. קאָן „הגר אין דער מדבר“ און 12 ביינאַכט הייבט זיך אָן

## אַ פייערליכער באַנקעט

וואָס עס האָט געגעבן די פּאַביאַניצער „בנות“ לכבוד די געסט. דער באַנקעט האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע נאַכט און פאַרטאָגס האָט נאָך געגעבן די פרוי ווייסקאַל, אַ שיינע אויפנאַמע אין איר „ריוואַט וואוינונג. דעם גרעסטן יישר כח פאַרן איינאָרדענען דעם באַנקעט קומט די פרויען. שבע טרויבע, וויינבערג, יוסט־מאַן, גרינשטיין. קליינפּלאַץ, פרל. טשערניאַק און ווייסקאַל.

# אַ האַרציקן יישר־כח

גיב איך די אַלע, וואָס האָבן מיר צוגעשיקט הצלחה־וואונטשן, צום אַרויסגיין פון „בית־יעקב“ אַלס צוויי־וואָכן זשורנאַל. ליידער בין איך נישט בכח די הונדערטער פריינט אויף זייערע האַרציקע ברכות יעדן באַזונדער צו ענטפערן און האָף, אַז זיי וועלן מיר מוחל זיין, אָננעמענדיק דעם דאָ אַרויסגעזאָגטן דאַנק פאַר גוט, ווי איך וואָלט דאָס יעדן באַזונדער געשריבן.

איך פאַרזיכער מיט השי״ת הילף, דאָס מיר וועלן אויס־האַלטן דעם נסיון פון אַרויסגעבן כסדר דעם זשורנאַל „בית יעקב“ ווי מיר האָבן אויף זיך גענומען און בעזר־השם וועלן מיר באַלד זעען די פּירות פון אונדזער נייער אַרבעטן וואָס איז מכתחלה נאָר אויסן דעם הייליקן ציל, אויפצובויען דאָס יידישע פאָלקס־הויז, דעם „בית יעקב“ פון אַלטן ישראל.

איך בעט אויך זייער איבער, אונדזערע חשובע סופרים, וואָס די תשובות אויף זייערע פאַרשידענע בריוו ווערן אַ ביסל אויפגעהאַלטן. עס וועט נאָר אַ ביסל דויערן, ביז מיר וועלן זיך איינאָרדענען אין אונדזער נייער אַרבעט און ווי אונדזער מנהג פון לאַנג, וועט יעדער באַקומען זיין אויספירלעכע תשובה מיט גרויס כבוד.

תמיד גרייט צו אייער דינסט

**אליעזר גרשון פרידנזאָן**

---

פון טיפן האַרצן דריק איך אויס מיינע מיטגעפילן דער חשובער פאַמיליע שאַטאַן צום פריצייטיקן טויט פון זייער טאָכטער חי׳ שרה ע״ה. אין דער אַרבעט פאַר אונדזער אידעאַל זאָלט איר אַ טרייסט געפונען.

בעלכאַטאָוו — לערערן י. אָרלעאַן



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 062 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Styczeń 1931
„BAJS JAKOW"

Cena 65 gr.
P.K.O. 67.795

Rok VIII zeszyt 5 (62)
Adres Red. „Bajs Jakow"
Łódź, Limanowskiego 28.
Telefon 109-77.

א הארציקן מז"ט ווינטשן מיר דער ח. פאַניליע ראָזנ־שטאָק און אונדזער חברה יוטא לאַבאַרשטיין צו איר ניי־געבוירינים זון. זייט זוכה אים צו דער־ציִען אינים גייסט פון אגודיסטישן אידעאַל.

בעלכאטאָוו — בנות אגודת ישראל
יוגנט־קרייז ביי „בנות"

---

א הערצלעכן מזל־טוב וואונטשן מיר אונדזער פאַר־וואלטונגס־מיטגל. פרוי דאָרן, צום געבורט פון איר קינד. זאָל השי"ת העלפן, אַז זי זאָל פון אים א סך נחת האָבן און גרינג דערציִען.

וואַרשע — „בנות אגודת ישראל"

---

א ברכהפולן מז"ט וואונטש איך מיין ליבע קוזינע אַלטע גאָלדבערג (וואַרשא) צו איר חתונה מיט ה' רוקח און מיינע אידעען־שוועסטערן העניא ראַבינאָ־וויטש און וואַלטע בענטנער (פיאָסעטשנא) צו זייער פאַרלאָבונג. גליק און צופרידנהייט זאָלן אייערע באַגלייטער זיין, איר זאָלט בויען אייער צוקונפט אויפן יסוד פון תורה ודת.

וואַרשע — רייזל שפירא

---

צו דער פאַרלאָבונג פון דער ח. חברה און פירערן פון דער היגער בנות־אָרגאַניזאַציע פרל. חנה פלוהר מיט ה' וואָלף פלוהר (קראָקע) וואונטש איך איר א הערצלעכן מזל־טוב און פיל גליק.

רימאַנאָוו — חי' עבנהאָלץ

---

א הארציקן מזל־טוב וואונטשן מיר אונדזער חברה חנה לעשטשינסקא צו איר פאַרלאָבונג מיט ה' י. מ. חייט (פאַביאַניץ): זאָל אייער צוקונפט זיין א בליענדע!

לאָסק — ל. שע־אדזקא
בנות אגודת ישראל

---

א הארציקן ברכה־פולן מזל טוב וואונטש דער ג. פאַמיליע פרעסער (קראָקע) צו דער חתונה פון זייער ליבער טאָכטער בריינדל תחי', זאָל איר נייער לעבנס־וועג זיין באַגליקט מיט צופרידנהייט.

אָסטראָוויעץ — יהודית טראַטנער

---

צו דער פאַרלאָבונג פון דער חשובער בנות־פירערן חנה פלוהר (רימאַנאָוו) מיט ה' וואָלף פלוהר (קראָ־קע) וואונטשן מיר א הארציגן מזל־טוב!

צענטראַלע „בנות אגודת ישראל" אין פוילן
רעדאַקציע „בית יעקב"

---

א הארציקן מזל־טוב צו די תנאים פון די לערע־רנס זיסל וראַצלאַווסקא, בריינדל פראַמאַ, בריינא מינסקא, פערל זיידמאַן, רחל הערשבערג און חנה ראט, וואונטשט

צענטראַלע „בית יעקב"
קראָקע — שרה שענירער

---

דערמיט דריקן מיר אויס אונדזער מיטגיפיל אונדזער ג. פאַרוו. מיטגל. פרוי זשעמבא צוליבן טויט פון איר געליבט קינד יצחק מאיר ע"ה. אין דער הייליקער ארבעט פאַר אונדזער אידעאַל זאָל זי געפונען איר טרייסט.

וואַרשא — „בנות אגודת ישראל"

---

הננו משתתפים בצערם הגדול של המל"כ מרת טאבא רבקת תחי' שאטאן מבלכטוב וגם של הורי' מחותנינו היקרים שיחי' למות עליהם אחותם ובתם הצנועה מרת חי' שרה ע"ה. בעבודתכם הפורי' לטובת א„בית יעקב" תמצאו תנחומים.

גריצע — משפחת מרגליות

---

מיר דריקן אויס אונדזער טיפסטן מיטגיפיל צוליבן טויט פון אונדזער חברטע חנה דזיעוויענצקא. מיר פאַרגלייבן אין גרויס טרויער.

סאָסנאָוויעץ — 4־טער קורס שילערנס פון בית־יעקב

---

## נחום אבילים

מיר גיבן איבער דעם טיפסטן אויסדרוק פון האר־ציקסטע מיטגיפילן דעם חשובן אונערמידלעכן עסקן, פאָרזיצער פון אונדזער בית־יעקב־שול, ר' אליעזר ליפא וויערזבינסקא און פאַמיליע צוליבן פלוצליקן טויט פון זייער פרוי און מוטער, גרינ־דערן פון אונדזער שול חי' פריידה ע"ה. איר זאָלט זיין צווישן די געטרייסטע פון פאָלק ישראל און געפונען אייער טרייסט אין דער ארבעט פאַר דעם היוכן בית יעקב־אידעאַל.

ווישעגראָד — בית־יעקב־שול
לערערן שרה זשימנאָוואָדא

---

מיין טיפסטן מיטגיפיל דריק איך אויס די ג. פרוי ליכטנבוים און פרל. ד״מאַן (וויערושאָוו) צום פריי־צייטיקן טויט פון זייער ל. פאָטער אלי' ע"ה אין דער ארבעט פאַר אונדזער אידעאַל זאָלט איר א טרייסט געפונען.

דעמבלין — לערערן פערל ווידמאַן

---

## נחום אבלים

טיף פאַרצער־ט פון גרויסן אומגליק, וואָס אונדזער צניעות־דיקע חברה חי' שרה שאטאַן ע"ה איז אין איר בליענדסטער יוגנט פון אונדז און אירע על־טערן אַוועקגעריסן געוואָרן. מיר וואונטשן די פאַ־מיליע שאטאַן אין דער עבודת־הקודש פאַרן ב"י אידעאַל צו געפונען זייער נחמה!

בעלכאטאָוו — „בנות אגודת ישראל"

---

מיט טיפן צער באַוויינען מיר דעם פריצייטיקן טויט פון אונדזער חברה און פירערן חיה שרה שאַטאַן ע"ה. א קראַנץ פון דיינע מעשים טובים לייגן מיר אויף דיין קבר! ג—ט זאָל טרייסטן די משפחה שאטאַן דורכן שפּיגן ווייטערע פעדים פון איר אידעאַלער אַרבעט.

בעלכאטאָוו — יוגנט־קרייז
ביי בנות אגודת ישראל

---

דעם טיפסטן מיטגיפיל גיבן מיר די ח. פאַמיליע שאַטאַן און אונדזער חברה טויבע רבקה צו דער פטירה פון זייער ח. טאָכטער און שוועסטער חי' שרה ע"ה. השי"ת זאָל אייך טרייסטן בנחמת ציון וירושלים.

בעלכאטאָוו — רחל לאה שטייער, שיינדל אקערמאַן, מלכה קאַדזיאל

---

פאַריאָמערט און פאַרצערט זענען מיר פון דעם פריצייטיקן ט־יט פון אונדזער גישט פאַרגעסענער חברה חי' שרה שאַטאַן ע"ה, צוזאַמען מיטן גאַנצן כלל ישראל זאָלן מיר געפונען אונדזער טרייסט אין דער ארבעט פאַר אונדזער הייליקן אידעאַל.

בעלכאַטאָוו — רבקה שטייער
דינה סטאַראַווינסקא

---

# ברכת מזל־טוב חמה ונלבבה

אני מגיש לכ"ק אדמו"ר מסטריקוב הרה"צ
ר' חנוך סעדי זשיכלינסקי שליט"א
ולבנו היקר ידיד נפשי, עדיו לגאון הרב משה שי' לאירוסו את
מרת העניעלע האלבערשטאם שתחי' נכדת הרה"ק ר' חיים
זצללה"ה מצנזז.
יהא רעוא מלפני אבינו שבשמים שקשרם יהא קשר של קימא,
ואבותיהם הקדושים ישבעו מהם רב נחת ועונג.

בברכת
לודז, טבת תרצ"א — אליעזר גרשון פרידנזון

---

דעם טיפסטן מיטגיפיל דריקן מיר אויס צום טויט פון אונדזער ליבער חברטע חנה דזיעוויענצקא ע"ה. זאָל איר שוועסטער יוכבד און די גאַנצע פאַמיליע געטרייסט ווערן פון ג—ט.

סאָסנאָוויץ — לערערן קלייך
„בנות אגודת ישראל"

---

די רעדאַקציע איז אָפן יעדן טאָג פון 11—4 נאָכמיטאָג — נישט באַשטעלטע מאַנוסקריפטן ווערן נישט צוריק געשיקט — ביים פאַר ענטפער מוז זיין בייגעלייגט אַ פּאָכט־מאַרקע — אַנאָנסן, וואָס ווערן נישט באַצאָלט פריערויס ווערן נישט געדרוקט און ס'ווערט נישט אָפּגעענטפערט אויף אַזוינע פּרעטענציעס. באַריכטן פון די שטעט וואו ס'איז נישטאָ שטענדיקע 10 אַבאָנענטן ווערן נישט געדרוקט.

Red. Luzer Gerszon Frydenzon | גערזעצט: מ. ליבעסקינד לאָדז, קילינסקא 50 | Tłoczna J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50
Tel. 188-76.